



# גמיינזאַמע דעקלאַראַציע

## פֿון די פּרעמיער-מיניסטאָרן פֿון מדינת ישׂראל
## און דער פּוילישער רעפּובליק.

1. אין די לעצטע דרײַסיק יאָר באַזירן זיך די באַציונגען צווישן אונדזערע מדינות און געזעלשאַפֿטן אויף טיפֿן צוטרוי און פֿאַרשטענדעניש. פּוילן און ישׂראל זענען שוין זינט לאַנגע יאָרן געטרײַע פֿרײַנד און שותּפֿים. די צוזאַמענאַרבעט צווישן זיי גייט אָן אויף דער אינטערנאַציאָנעלער אַרענע, ווי אויך אין וואָס ס'איז שייך די טעמאַטיק פון אָפּצוהיטן דעם חורבנס זיכּרון און זײַן פֿאָרשונג. די דאָזיקע מיטאַרבעט ווערט געפֿירט אין גײַסט פֿון קעגנזײַטיקן כּבֿוד צו דער היסטאָרישער אידענטיטעט און סענסיטיווקייט, אויך וואָס שייך די טראַגישסטע תּקופֿות פֿון אונדזער געשיכטע.

2. נאָך דעם געשפּרעך צווישן די פּרעמיער-מיניסטאָרן בנימין נתניהו און מאַטעאָש מאָראַוויעצקי, באַגריסט ישׂראל דעם באַשלוס פֿון דער פּוילישער רעגירונג אײַנצושטעלן אַן אָפֿיציעלע פּוילישע מאַנשאַפֿט צו פֿירן דעם דיאַלאָג מיט ישׂראלדיקע שותּפֿים, וואס שייך די היסטאָרישע געשעענישן פֿאַרבונדענע מיטן חורבן. ניטאָ קיין ספֿק, אַז דער חורבן איז געווען אַן אומפּרעצעדענטלעכער פֿאַרברעכן פֿון נאַצי-דײַטשלאַנד קעגן דעם ייִדישן פֿאָלק און קעגן אַלע ייִדן פֿון פּוילישן אָפּשטאַם. פּוילן האָט פֿון תּמיד אָן פֿאַרשטאַנען די חשיבֿות פֿון חורבן, וואָס איז די סאַמע טראַגישע געשעעניש אין דער ייִדישער געשיכטע.

3. מיר גלויבן, אַז עס איז פֿאַראַן אַ גמיינזאַמע אחריות צו דערמעגלעכן אַ פֿרײַע פֿאָרשונג, פֿאָרזעצן די פֿאַרשטענדעניש און אָפּהיטן דעם זיכּרון פֿון חורבן. מיר זענען שטענדיק מסכּים געווען, אַז די באַגריפֿן "פּוילישע קאָנצענטראַציע לאַגערס", "פּוילישע טויט-לאַגערס" זענען אַבסאָלוט נישט ריכטיק, און פֿאַרמינערן דײַטשלאַנדס אחריות פֿאַרן אויפֿשטעלן די דאָזיקע לאַגערס.
אין פֿאַרלויף פֿון דער מלחמה האָט די פּוילישע רעגירונג אין גלות געפּרוווט אָפּצושטעלן די נאַצישע טאַטן ווען זי האָט איבערגעגעבן די אַליִרטע כּוחות פֿון מערבֿ אינפֿאָרמאַציעס וועגן דעם סיסטעמאַטישן אויסראָטונג פֿון פּוילישן ייִדנטום.
מיר אָנערקענען און טאַדלען יעדן פֿאַל פֿון אכזריות, וואָס איז אין פאַרלויף פֿון דעם צווייטן וועלטקריג אויסגעפֿירט געוואָרן דורך פּוילישע בירגער קעגן ייִדן.
מיר דערמאָנען מיט שטאָלץ די העלדישקייט פֿון אַ סך פּוילישע בירגער, בפֿרט די חסידי אומות העולם, וואָס האָבן אײַנגעשטעלט זייער לעבן כּדי ראַטעווען ייִדן.

4. מיר זענען נישט מסכּים מיטן באַשולדיקן פּוילן אָדער דעם פּוילישן פֿאָלק אין פֿאַרברעכנס וואָס זענען אייגנטלעך אויסגעפֿירט געוואָרן דורך די נאַציס און זייערע מיטהעלפֿערס אין די פֿאַרשיידענע לענדער. צום באַדויערן דער ריינער אמת איז, אַז געוויסע מענטשן, אָן קיין שייכות צו זייער אָפּשטאַם, רעליגיע אָדער גלויבן, האָבן אַרויסגעוויזן זייערע סאַמע פֿינצטערע פּרצופֿים. מיר שאַצן דעם פֿאַקט וואָס מיטגלידער פֿון פּוילישן אונטערגרונט, אונטער דעם אויפֿזיכט פֿון דער פּוילישער רעגירונג אין גלות, האָבן געשאַפֿן אַן אַפּאַראַט פֿון סיסטעמאַטישער הילף און שטיצע פֿאַר ייִדן. דער אונטערגרונט-געריכט פֿלעגט אַרויסגעבן פּסקי-דינים קעגן פּאָליאַקן, וואָס האָבן קאָלאַבאָרירט מיט דער דײַטשער מאַכט, און קעגן אַזעלכע וואָס האָבן געמוסרט ייִדן.

5. מיר שטיצן דעם פֿרײַען אויסדרוק בנוגע דער געשכיטע און דער פֿרײַער פֿאָרשונג איבער אַלע טעמעס פון חורבן, כּדי די פֿאָרשונגען זאָלן דורכגעפֿירט ווערן דורך סטודענטן, לערערס, פֿאָרשערס, זשורנאַליסטן און ניצול-געוואָרענע מיט זייערע משפּחות, אָן קיין שום חשש פֿון יורידישע שטערונגען. ס'וועט קיין יורידישע אחריות ניט אַרויפֿגעלייגט ווערן אויף זיי, צוליב זייער זכות צו פֿרייען אַקאַדעמישן אויסדרוק אויף דער חורבן-טעמאַטיק. נישטאָ קיין געזעץ וואָס זאָל אָדער וועט דאָס ענדערן.

6. ביידע רעגירונגען פֿאַרדאַמען קאַטעגאָריש יעדן סאָרט פֿון אַנטיסעמיטיזם און זענען פֿאַרפֿליכטעט צו קעמפֿן קעגן אַזעלכע דערשײַנונגען. ביידע רעגירונגן טרייסלען זיך אויך אָפּ פֿון יעטוועדער אַנטי-פּוילישקייט און אַנדערע נעגאַטיווע, נאַציאָנאַלע סטערעאָטיפּן. די פּוילשע און ישׂראלדיקע רעגירונגען רופֿן ווידער זיך אומקערן צו אַ געמיטלעכן עפֿנטלעכן דיאַלאָג באַזירט אויף קעגנזײַטיקן כּבֿוד .

**מאַטעאָש מאָראַוויעצקי**

פּרעמיער-מיניסטער פֿון דער פּוילישער רעפּובליק

**בנימין נתניהו**

מדינת ישׂראל פּרעמיער-מיניסטער

Translation to Yiddish: Daniel Galay.